# צום פינטל

גליון לה

פרשת פנחס תשפ"ג

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### די מדרגות פון פנחס בן אלעזר

**• כהונה לויט די עבודה**

שטייט אין ספרים אז ס'איז א מצוה צו רעדן פון די חשיבות פון 'פנחס', ווי מ'זעהט ווי שטארק די תורה לויבט אים אויס, די יידען דעמאלטס האבן גערעדט בגנותו, און אונז דארפן רעדן בשבחו. און ס'איז מרומז אין די ווערטער 'לכן אמור', די תורה זאגט רעדט און רעדט, ס'איז א מצוה צו רעדן פון זיין שבח.

שטייט אין פסוק 'והיתה לו ולזרעו אחריו וגו', זאגט רש"י 'לא נתכהן פנחס עד שהרגו לזמרי'. באמת אין גמרא (זבחים קא ע"ב) איז דא אין דעם דריי שיטות, 'יש אומרים' אז ער איז נתכהן געווארן צוזאמען מיט אלע כהנים. און 'יש אומרים' אז ער איז נתכהן געווארן ווען ער האט געמאכט 'שלום' צווישן די שבטים (בימי יהושע בן נון). און די מיטעלסטע שיטה איז דאס וואס רש"י ברענגט דא, אז ער איז נתכהן געווארן יעצט, ווען ער האט געהארגעט 'זמרי'.

אז לויט די שיטה, אז ער איז ערשט יעצט נתכהן געווארן, דארף מען פארשטיין ווי אזוי איז ער געווארן א כהן אהן 'שמן המשחה', און אהן דעם וואס ער איז געבוירן געווארן א כהן. איז בעצם איז די קשיא נישט קיין קשיא, ווייל דער אייבישטער, ער איז דער 'בעל הבית' ווער ס'זאל זיין כהן, און ער קען מאכן וועמען ער וויל פאר א כהן, און אויף וועלכע וועג ער וויל נאר, אבער ס'איז דא א מקום זיך מתבונן צו זיין, ווי אזוי ס'איז צו געגאנגען.

אונז זעמער צוגעוואוינט אז 'כהונה' איז א זאך וואס מ'באקומט ביים געבוירן, ס'איז א 'קדושת הגוף' וואס מ'באקומט מלמעלה, ס'איז נישט קיין זאך וואס קען זיך טוישן לפי די עבודה פונעם מענטש. און אזוי איז מבואר אין גור אריה (שמות פא) אז כהונה איז א 'קדושת הגוף' וואס גייט אריבער בירושה מדור דור (און וועגן דעם ווערט עס אנגערופן 'בית' וואס איז מבטא א קביעות, עי"ש).

אבער אין אנפאנג איז נישט געווען אזוי, ווי סאיז מבואר אין גור אריה (בראשית פ"ד ובראשית פכ"ה) אז פאר מתן תורה האט מען אויסגעוועלט ווער ס'איז ראוי, ווי מ'טרעפט ביי 'שם בן נח' אז ער איז געווען א כהן 'והוא כהן לקל עליון', אין נדרים (לב ע"ב) זאגט די גמרא אז אברהם אבינו איז געווען א כהן, די גמרא אין זבחים (קב ע"א) זאגט אז משה רבינו איז געווען א כהן, די כהונה איז נישט געווען א דבר קבוע בקדושת הגוף, נאר דער גרעסטער עובד אונעם דור, ער איז אויסגעוועלט געווארן צו זיין דער כהן (אדער די כהנים) פונעם דור.

> **אהרן האט באקומען די 'כהונה' מלמעלה, דורעך משה רבינו וואס האט געברענגט די תורה מלמעלה, דער אייבישטער האט בוחר געווען אין אים, אבער פנחס האט עס באקומען מיט די אייגענע כוחות, מיט די אייגענע בחירה, תחת אשר קנא לאלקיו**

נאר שפעטער נאך מתן תורה, האט די אייבישטער געגעבן די כהונה פאר אהרן בקדושת הגוף, און נישט נאר פאר אים אליינס, נאר אויך פאר אלע זיינע דורות לנצח, א נצחיות'דיגע מתנה וואס איז קבוע אין די גופים פון די כהנים.

און ס'איז אינטערסאנט אז אויך די 'בכורה' איז געווען אזוי, בפשטות וואלט מען געדארפט זאגען אז די 'בכורה' דאס איז זיכער א דבר קבוע אונעם גוף פונעם בכור, אז מ'איז געבוירן א בכור, איז מען א בכור, און אז נישט איז נישט, אבער ס'איז מבואר אין מדרש אז מתחילה איז עס נישט צוגעגאנגען אזוי, די 'בכורה' איז געווען ביי אדם הראשון, און פון אדם איז עס געגאנגען צו 'שת', און אזוי ווייטער איז עס געגאנגען צו די צדיקי הדורות, איז כאטש אז 'שת' איז נישט געווען קיין 'בכור', אבער היות ער איז געווען דער וואס איז געווען ראוי צו באקומען דער חשוב'ע טיטעל פון 'בכור', האט ער עס באקומען.

און אזוי זעהט מען ביי יעקב אבינו און עשיו, אז די בכורה האט געקענט אריבער גיין פון עשיו צו יעקב, אויך ביי 'ראובן' זעהט מען אז יעקב האט אוועקגענומען פון אים סיי די בכורה און סיי די כהונה, ווי די פסוק זאגט 'פחז כמים אל תותר'. דאס הייסט אז מ'האט זיך געדארפט פארדינען דעם 'יתרון' פון בכורה און כהונה, און אז מ'איז נישט געווען ראוי האט מען עס געקענט ריקען, ס'איז געווען געווענדן לפי די עבודה און הארוואניע. נאר ערשט שפעטער נאך מתן תורה, דאן האט עס אהרן באקומען אויף א אופן פון 'קדושת הגוף' אויף לנצח.

איז יעצט ביי פנחס איז עס צוגעגאנגען אויף אזא וועג, אזוי ווי ס'איז צו געגאנגען פאר מתן תורה. דאס הייסט אז היות פנחס איז געווען דער שפיץ עובד ה', דער אויסגעריפענע 'עבד ה' פונעם דור, ממילא האט ער עס באקומען. און כאטש ער איז נישט געזאלבט געווארן מיט אהרן, האט ער געקענט באקומען די כהונה, אויף דעם אופן פון אמאל, מכח זיין 'עבודה' און הארוואניע. און נישט נאר פאר אים אליינס האט ער באקומען די כהונה, נאר אויך פאר אלע זיינע דורות נאך אים.

פנחס האט עס באקומען מכח זיין

המשך בעמוד הבא

עבודה און הארוואניע, אבער פון יעצט און ווייטער איז עס מער נישט תלוי אין קיין עבודה, פון יעצט איז עס א 'קדושת הגוף', וואס גייט אריבער אויטאמאטיש צו אים און זיינע אייניקלער אויף אייביג. איינמאל פנחס האט עס באקומען, בלייבט עס שוין ביי אים אויף אייביג. ער האט עס באקומען מיט א 'ברית', וואס דאס הייסט אז אפילו ס'וועט אונטער קומען א גרעסערע 'עובד', וועט די כהונה נישט אריבער גיין צו יענעם.

## מדרגות לויט די הארוואניע

פנחס איז דער סימבאל פון באקומען א זאך מיט די אייגענע כוחות, א יעדע מצוה וואס מ'טוט, איז דא אין דעם א 'סייעתא מלמעלה', פונעם אייבערשטן וואס האט מצווה געווען די מצוה, אבער אויף די מצוה פון 'קנאים פוגעים בו' איז נישט שייך צו באקומען א 'סייעתא', מ'איז דאך נישט מחויב מיט דעם, ממילא קומט אויס אז אזא סארט מצוה איז אינגאנצן מיט די אייגענע כוחות, מיט די אייגענע בחירה.

אהרן האט באקומען די 'כהונה' מלמעלה, דורך משה רבינו וואס האט געברענגט די תורה מלמעלה, דער אייבישטער האט בוחר געווען אין אים, אבער פנחס האט עס באקומען מיט די אייגענע כוחות, מיט די אייגענע בחירה, תחת אשר קנא לאלקיו (שפת אמת פנחס תר"מ). ער האט עס באקומען אויף די אופן ווי די כהונה איז צוגעגאנגען פאר מתן תורה, אויף א אופן פון עבודה און הארוואניע.

ס'איז באקאנט פון צדיקים וואס האבן נישט געוואלט קיינע מדרגות מלמעלה, זיי האבן געוואלט האבן די געשמאק פון די אייגענע הארוואניע, פון די אייגענע בחירה, זיי האבן געוואלט אז די מדרגות זאל נישט זיין גארנישט העכער פונעם גוף, ס'זאל זיין אינגאנצן צוגעפאסט צו דאס וואס זיי האבן בוחר געווען מלמטה. איז אזא מין ענין זעהט מען דא אין פרשה ביי 'פנחס', אז זיינע מדרגות זענען געקומען אינגאנצן פון די אייגענע הארוואניע, זיי האבן נישט געשוועבט העכער אים, נאר זיי זענען געווען אינגאנצן צוגעפאסט צו אים.

אין ביזנעס איז דא צווי סארט 'מוצלחים', ס'איז דא איינער וואס האט 'פערצאפעל' מצליח געווען, ער האט פונקט עפעס גוט געטוהן (אדער בעסער געזאגט עפעס שלעכט געטוהן) און דער אייבישטער האט געהאלפן ס'איז געלאנגען. איז אזא מענטש וועט דיך נישט קענען מסביר זיין, וואס צו טוהן כדי מצליח צו זיין, ווייל ער ווייסט אליין נישט, אבער ס'איז דא א צווייטער וואס האט מצליח געווען, און ער קען דיר יא זאגען פינקטלעך יעדער סטעפ פון זיין הצלחה, ווייל זיין הצלחה איז נישט געקומען אויף א אופן פון א 'מציאה', נאר דורעך א 'יגיעה' וואס ער האט אריינגעלייגט, און אין יעדער נקודה פון זיין 'סעקסעס', קען ער דיך מסביר זיין וואס ער האט געטוהן.

די זעלבע סארט זאך איז דא אויך אין עבודת ה', ס'איז דא איינער וואס איז מצליח אין עבודת ה', און ער קען דיר נישט מסביר זיין פארוואס, ער האט עפעס א סייעתא דשמיא, א זכות אבות וכדומה, אבער נאכדעם איז דא איינער וואס ער קען דיר יא פינקטלעך מסביר זיין, ער קען דיר זאגען פינקטלעך וואס ער האט געטוהן אז די זאלסט אים קענען נאך טוהן, זיין הצלחה אין עבודת ה' איז מכח זיין בחירה, ער איז א 'בעל הבית' אויף זיינע מדרגות.

דאס הייסט אז ווען א מענטש ברעכט דורעך זאכן אליינס מיט די אייגענע בחירה, דאן ווערט דאס א 'עקספיריענס' אין זיין לעבן, און ער קען דיך עס מסביר זיין אז אויך די זאלסט דאס קענען ניצן, ער זעהט די בילד פון זיין לעבן מיט א שארפקייט, ער זעהט צו ווי ער צילט, צו ווי ער גייט און צו ווי ער קומט, ער קען דיר מסביר זיין קלאר וואס ער האט געטוהן, אין וועלכע זאך וואס ער האט בוחר געווען, וואס האט געברענגט אנצוקומען צו זיין הצלחה (צומאל קען ער אפילו אויסרעכנען בערך'דיג, וואס ס'גייט זיין די נעקסטע שטאפל אין עבודה, ער האט 'עקספיריענס').

און דאס איז וואס די ספרים הקדושים לערנען אונז אראפ פון פנחס, ווי ס'איז געווארן נתבאר פון די שפת אמת (פנחס תר"מ) אז פנחס האט זוכה געווען צו די כהונה מיט זיינע אייגענע כוחות, אהרן האט באקומען די כהונה מלמעלה, מכח 'משה רבינו' וואס האט געברענגט די תורה מלמעלה, און פנחס האט עס באקומען מיט די אייגענע הארוואניע און בחירה, אזוי ווי די כהונה איז צוגעגאנגען פאר מתן תורה.

## מדרגות ביי פנחס

שטייט אין זוהר הקדוש אין פרשת פנחס (זוהר חלק ג דף ריג ע"ב) אז די נשמה פון 'פנחס' איז בשורש פון די צד ה'גבורה', פון די נשמות וואס זענען מושרש אין 'קין', וואס אויך 'יתרו' די זיידע פון פנחס האט א שייכות צו די נשמות (מבני קיני חותן משה), און פון דעם האט זיך גענומען זיין כח הגבורה און 'נקמה' צו הארגענען זמרי, באנוצענדיג זיך מיט די כח הרציחה פון 'קין', קין האט עס גענוצט אויף א נישט גוטע אופן, און פנחס האט עס מתקן געווען און גענוצט בקדושה.

אויך דער אריז"ל אין שער הגלגולים (הקדמה לב) איז מאריך אין די אלע חלקים פון נשמת פנחס, ווי ער געווען א גלגול פון יוסף און יתרו, 'בן פוטי שפטים אבי אמו עגלים לעבודה זרה', און פון 'נדב ואביהו', וואס האבן אויך א שייכות מיט 'גבורות', נאכדעם פון כהונה און פון בנימין וכו'. (און מיט דעם פארענטפערט מען די באקאנטע קשיא פון תוס', אז ווי אזוי קען זיין אז 'פנחס זה אליהו', אז אליהו איז געווען א כהן, מ'זעהט דאך אז אליהו האט זיך מטמא געווען למתים, נאר פשט איז אז ער האט געהאט אסאך נשמות וכו').

שטייט פון אריז"ל אז די מענטשן וואס זענען פון די שורש פון 'גבורה', דאס הייסט די מענטשן וואס זענען פון 'נשמת קין', זיי דארפן אדורעך גיין אסאך בירורים צו צוקומען צו זייער תיקון, זייערע נשמות גייען אראפ זייער נידריג, ווייל דאס מיינט דאך 'גבורות', און דורעך נסיונות און בירורים פון אסאך יארן הייבן זיי זיך צוריק אויף. די מענטשן פון 'נשמת הבל' פאלן נישט אזוי נידריג, אבער די מענטשן פון 'נשמת קין' דארפן אראפ גיין און דערנאך זיך דערהייבן.

און דאס זענען די אלע מדרגות וואס מ'טרעפט ביי פנחס, ווי ער האט אויפגעהויבן די נידריגע חלקים פון 'קין', און געגאנגען העכער און העכער, און דאס איז א 'תיקון' וואס ציט זיך פון 'ששת ימי בראשית', און ס'גייט ביז דער 'תיקון השלם' לעתיד לבוא, וואס פנחס וועט אנקומען צו זיין שפיץ מדריגה פון 'אליהו בא לבשר'.

און ווי ס'קומט אויס איז דא פינעף

המשך בעמוד האחרון

## זומער איז מחבר

אין די צייט וואס אסאך יידען פארן ארויס אין די 'קאנטריס' צווישן די דערפער, פארברענגענדיג אונטער די שאטן פון די ביימער פעלדער און וועלדער, איז א צייט זיך מתבונן צו זיין אין די 'שירת הבריאה', אין די שירה פון די נאטור, זיך 'קאנעקטן' מיט דעם זומער אויף א גוטע אופן.

ווינטער איז די בריאה איינגעצויגען אין פארמאכט, אלע חיות פארמאכן זיך אין זייערע היילן, די תבואה באהאלט זיך אונטער די ערד, די ביימער ציען זיך איין, אלעס אלעס אין די בריאה איז איינגעצויגען, אויך דער מענטש איז קאלט און צוזאמגעצויגען, ער פארמאכט זיך אין זיין הויז ביי די ווארימע אויוון. אבער ווען ס'קומט זומער עפענט זיך אלעס אויף, זומער איז א צייט פון אפענקייט פאר די בריאה, ווי ס'איז מרומז אין פסוק 'כי הנה הסתיו עבר וגו', קומי לך וגו' ולכי לך', ס'איז א זמן פון ארויסגיין און זיך אויסברייטערן.

די טבע פון קעלט איז צו מפריד זיין, און ווארימקייט צו מחבר זיין. יעדער זאך אין די בריאה, אז ס'ווערט קאלט ציט ער זיך אביסל צוזאם (חוץ פון אייז - 'קרח' ואכמ"ל), אז ער ווערט ווארעם צשפרייט ער זיך אביסל, ממילא אין די ווינטער איז אלעס איינגעצויגען אין זיך, די קעלט לאזט נישט זיך מחבר זיין, אבער ווען ס'קומט די זומער עפענט זיך אלעס, אלעס ברייטערט זיך אויס בטבע. ווינטער איז 'כניסה', צוזאמגעצויגען, און זימער איז 'יציאה', זיך אויסברייטערן. א רמז אויף דעם זעהט מען ביי גאולת מצרים, וואס איז געווען אין די ניסן טעג אין די התחלה פון די זומער, ווי די פסוק זאגט 'עת הזמיר הגיע', ס'איז אנגעקומען די זומער ס'איז צייט ארויסצוגיין, ארויסצוגיין פון די פארמאכטקייט פון 'גלות מצרים'.

זומער
איז אויך א צייט צו
מאכן קשרים צווישן מענטשן,
ווייל אין די ווינטער אז די בריאה
איז פארמאכט פון די קעלט, זענען
ממילא אויך די נפשות פארמאכט,
אבער אין זומער אז די בריאה
עפענט זיך, עפענען זיך
אויך די נפשות

די אדערן פון די ביימער ארבעטן אויף א וועג, אז ווען ס'קומט די ווינטער ווערן זיי איינגעצויגען, וואס דאס איז גורם אז די פירות זאלן אראפ פאלן, אויך די וואסער פון די ערד זאל זיך נישט קענען ארויפציען צום בוים, און ווען ס'קומט די זומער וואס אלעס ברייטערט זיך אויס, ברייטערן זיך אויך אויס די אדערן פון די ביימער, און זיי לאזען די וואסער דורעך פליסן און ארויסגעבן אירע כוחות, און אזוי פאנגען די בלימען און פירות אהן צו שפראצן, ווי די פסוק זאגט אויף חודש ניסן 'הניצנים נראו בארץ' (די חז"ל זאגען אויף 'חמשה עשר בשבט' איז אז ס'גייט אריין די 'שרף' אין די 'אילנות', וואס דאס איז ב'חצי תקופות טבת', וואס דאן פאנגט אהן נאך צו לאזען די קעלט, די פארמאכטקייט פון די ווינטער לאזט נאך, און די וואסער קען אנפאנגען צו פליסן אין די אדערן פון די ביימער).

זומער איז אויך א צייט צו מאכן קשרים צווישן מענטשן, ווייל אין די ווינטער אז די בריאה איז פארמאכט פון די קעלט, זענען ממילא אויך די נפשות פארמאכט, אבער אין זומער אז די בריאה עפענט זיך, עפענען זיך אויך די נפשות, ווי ס'איז מרומז אין שיר השירים, אז ס'איז א זמן וואס די נפשות עפענען זיך. (ווי מ'זעהט אויך ביי די 'זוגות' פון די פייגלעך אז די ימי ניסן איז דער 'זמן' צו בויען זייער 'קן', ווי די חז"ל זאגען אויף די יונים).

## ישיבת כרכים

די חז"ל זאגען 'ישיבת כרכים קשה', א 'כרך' איז ארומגענומען מיט א 'חומה', ס'איז נישט דא קיין פלאץ זיך אויסצוברייטערן, ס'איז נישט דא קיין 'ספעיס' זיך מחבר צו זיין מיט די בריאה, אלעס איז פארמאכט צווישן די מענטשהייט, ס'איז נישט דא די מעגליכקייט צו צוקומען צו די בריאה זעלבסט. 'ישיבת כרכים' איז מער צוגעפאסט פאר די ווינטער טעג, טעג וואס מ'איז פארמאכט, אבער אין די זומער וואס די טבע עפענט זיך, איז די זמן ארויס צו גיין, ארויס צו גיין פון די כרכים זיך אריינציען אין אהלים, סוכות, און אין ביידלעך, לעבן אויף א אופן וואס איז מער אפען צו די נאטור.

מ'זעהט כסדר אין חז"ל אז אין די זומער האט מען זיך באניצט מיט אהלים אדער סוכות וואס זענען מער אפען צו די נאטור. ווי מ'זעהט ביי די שיעור פון 'אהל קבע', אז די שיעור איז א האלבע יאר, ווייל די 'דרך' איז געווען צו מאכן די אהלים פאר די זומער, דאס הייסט פאר א האלבע יאר פון ניסן ביז תשרי (רמב"ם מובא בשועה"ר הלכות שבת סימן שטו סעיף א'), אויך פלעגט מען מאכן 'סוכות לצל', ווי מ'זעהט כסדר אין מסכת סוכה אז א 'סוכה' איז נישט קיין מושג וואס באלאנגט דוקא צו יום טוב סוכות, א 'סוכה' איז געווען אין באנוץ א גאנץ זומער, מ'פלעגט זוצן אינדרויסן און נוצן די 'סוכה' פאר א שאטן.

אויך די שומרים אויף די פעלדער פלעגען נוצן א 'סוכת ברוגנין', אזוי אויך די קייצים און אלע אנדערע, יעדער וואס האבן געוואלט זיין מחובר מיט די בריאה אינדרויסן, אבער ער האט פארט געוואלט זיין באשיצט, האט מען געמאכט סוכה'לעך.

אויך פלעגט מען אין די זומער טעג וואוינען אין די 'חצרות' אינדרויסן פון הויז, ווי ס'איז באקאנט ביי הלכות מזוזה ועירובין אז בימי חז"ל פלעגט מען ממש וואוינען אין די חצרות, וואס דאס איז געווען בעיקר אין די זומער טעג, און אפילו די אויוועון צו באקען איז געווען אין חצר (אינטער א סוכה'לע), און אין די ווינטער פלעגט מען אריין ברענגען די אויוועון, ס'זאל נישט צולאסט ווערן פון די רעגענעס.

א רמז צו דעם קען מען זאגען, אז די 'פרזים' ווערן אנגערופן אין די תורה 'חצרים', ווי ס'שטייט ביי בתי ערי חומה, 'ובתי ערי החצרים אשר אין להם חומה'. און דאס איז מרמז אז מ'וויל ארויסגיין פון די פארמאכטקייט פון די כרכים, זאל מען גיין צו די 'חצירות', אדער צו די 'חצירות' אינדרויסן פון די הויז, אדער צו די אפענע שטעט, וואס דאס ווערט אויך אנגערופן 'חצרות' (פרזים).

## בית יער הלבנון

ס'איז אונטערסאנט צוצושטעלן א ענין וואס מ'זעהט ביי שלמה המלך, אונז פארשטייען נישט די גרויסע ענינים וואס איז דארט געווען, אבער פאר אונטערסאנטקייט איז כדאי עס צו צו צייכנען.

די פסוק זאגט ביי שלמה המלך אז ער האט געבויט זיין הויז דרייצן יאר, און נאכדעם פארציילט די פסוק אז ער האט געבויט 'בית יער הלבנון', וואס איז דאס דער 'בית יער הלבנון'? די חז"ל דרשנ'ען אז דאס גייט ארויף אויף די בית המקדש, אבער די פשטנים (רד"ק - מצידות) ווילן זאגען אז דאס איז געווען א הויז אין די וואלד 'לבנון', ווי ס'איז באקאנט אז אין 'לבנון' וואס איז ביים שפיטץ מזרח-צפון פון ארץ ישראל, דארטן איז דא גרויסע וועלדער פון טענען ביימער, איז דארטן האט שלמה המלך געבויט א זומער הויז, כדי צו קענען זיין אין די זומער טעג אין די שאטן פון די ביימער. (און ווי די פסוק איז מאריך דארט מיט וואספארא גרויסע טענען ביימער ער האט עס געבויט).

המשך בעמוד הבא

# ענינים



[די פסוק זאגט אין קהלת 'עשיתי לי בריכות מים להשקות בהם יער צומח עצים'. ס'קען זיין אז דאס האט א שייכות מיט די 'בית יער הלבנון' הנ"ל, אז שלמה המלך האט געמאכט די 'בריכות' אנצטרינקן די 'בית יער הלבנון'].

באמת איז דא א ספר חסידים וואס זאגט אז א מענטש זאל זיך נישט בויען א הויז אין קיין וואלד, ווייל ס'איז א פלאץ פון מזיקים, און בכלל זאגט ער אז מ'זאל ענדערשט אפקויפן א הויז פון א צווייטן, א הויז וואס יענער האט שוין אויף געבויט, און נישט זיין דער ערשטער זיך צו באזעצען אין א נייע פלאץ. אבער ס'איז ידוע באריכות די ווערטער פונעם הייליגען חתם סופר להקל אויף דעם. און בפרט אז שלמה המלך האט זיך גוט אויסגעקענט מיט די מזיקים, און ער האט אודאי געוויסט ווי אזוי זיך אן עצה צו געבן מיט זיי.

בעצם איז א מענטש מיט א וואלד א 'תרתי דסתרי', מענטשן קענען נישט לעבן אין קיין וועלדער, פארקערט מענטשן האקן זיך אויס וועלדער, און בויעט זיך אויף הייזער און שטעט, די וועלדער זענען א סתירה צו זייער מציאות. 'וואלד' איז מלשון 'ווילד', אין א 'וואלד' איז אלעס אויף א 'ווילדע' און נישט אוועקגעשטעלטע אופן, און דער מענטש איז דאס נישט סובל, דער מענטש דארף אז זאכן זאלן זיין מסודר און צוגעשטעלט לפי זיינע צרכים, די גאסן הייזער און געשעפטן, אלעס ארום זאל זיין צוגעפאסט פינקטליך צום אים.

אבער פון דעסט וועגן זעהט מען אז דער מענטש לויפט צו די פעלדער און וועלדער, די פעלדער און וועלדער געבן אים א געפיל פון מנוחה און געשמאק, זיי זענען טאקע אזוי פארקערט ווי אים, אבער דייקא דאס גיט אים די געשמאק צו לויפן אהין, ווייל ווען ער זוכט מנוחה פון די 'מענטשהייט', איז די וואלד די מערסטע צוגעפאסט, ער פארט אין די קאנטרי צווישן די פעלדער און וועלדער, ער באקומט עפעס א נייע 'עקספיריענס', א 'עקספיריענס' פון עפעס א אנדערע וועלט, ארויס פון די 'הא הא' פון די מענטשהייט.

געווענטליך איז 'שיינקייט' געבויט אויף 'סדר', ווי מער א זאך איז מסודר, איז עס שענער, אבער וועלדער האבן א שיינקייט כאטשיג זיי זענען נישט מסודר, מ'קען מאכן הערליכע בילדער פון וועלדער, אפילו די וועלדער זענען גוט אנגעווארפן מיט אראפ געפאלנעביימער און בלעטער, פונדעסטוועגן קומט ארויס הערליכע בילדער. עס האט טאקע נישט די שיינקייט פון סדר און פיץ, אבער ס'האט יא די שיינקייט פון 'נעיטשיר', די שיינקייט פון פשוט'קייט, די שיינקייט פון די 'בריאה בטהרתה', די ריינקייט פון א פלאץ איידער דער מענטש האט דארט צוגעלייגט זיין האנט.

און דאס איז דער סיבה פאר וואס דער מענטש לויפט צו די קאנטרי'ס, ער לויפט אריין צווישן די פעלדער און וועלדער, ווייל ער וויל באקומען די געשמאקע געפיל (אדער בעסער געזאגט 'די שיינע געפיל', די געפיל פון 'יופי' פון די טבע הבריאה), ער וויל באקומען דעם הרגש 'אז אלעס איז גוט אזוי ווי ס'איז', ס'פעלט נישט אויס צו צולייגען א האנט צום אייבערשטענס וועלט, מ'קען אדורעך לעבן די לעבן מיט א פשוט'קייט, אזוי ווי די פעלדער און די וועלדער, וואס דער מענטשליכער האנט האט נישט דארט צוגערירט.

# פרשה



עיקרי מדרגות אין די מדרגות פון פנחס. א] פון 'קין' ביז די מעשה פון זמרי, ב] פון די מעשה פון זמרי ביז ער האט געמאכט שלום צווישן די שבטים, ג] ווען ער איז נתגלגל געווארן צו די נשמה פון 'אליהו' וואס דאס איז געווען און די צייטן פון אחאב, ד] ווען ער איז נתעלה געווארן לעבעדיגערהייט אין הימל, און ער איז געווארן די דרגא פון 'אליהו מלאך הברית', ה] נאך דעם איז דא די דרגא פון אליהו און פנחס לעתיד לבוא, 'אליהו בא לבשר'.

וואס דאס לערנט אונז אז דוקא די מענטשן וואס האבן אסאך נסיונות, אויב זיי זענען זיך מתגבר אויף דעם, קומען זיי אהן גאר גאר הויעך, זיי האבן טאקע אין זיך אסאך 'גבורות', אסאך נישט גוטע חלקים, אבער דוקא די חלקים, די דאזיגע 'גבורות', קען מען נוצן אויף מקדש צו זיין שמו יתברך בגבורה. און דייקא מיט די כח פון 'גבורה', קען מען ארויף גיין העכער און העכער מיט די כח הבחירה, ווייל דייקא פאר די כח הבחירה, דארף מען האבן אסאך 'גבורות', צו גלייבן אז דער אייבישטער האט מיר געגעבן א בחירה, און 'איך קען טון און מאכן וואס איך וויל'.

אבער פארשטייט זיך אז מ'דארף גוט אכטונג געבן דערויף, אכטונג געבן צו נוצן די כח הבחירה אויף די גוטע זייט, אויף צו מקדש זיין שמו יתברך בעולם, און אויף ארויף צו גיין העכער און העכער מיט די כח הבחירה. (וואס דורעך דעם ווערן די 'גבורות' נתעלה צו 'גבורות דקדושה', און פון דארטן ווערט עס נתעלה צו 'חסדים', פון די דרגא פון 'לוי' וואס איז 'גבורות', ווערט עס די דרגא פון 'כהונה' וואס איז חסדים. אזוי ווי פנחס וואס איז ארויף דורעך די כח הגבורה והבחירה, צו די דרגא פון 'כהונה' וואס דאס איז 'חסדים').

**תמצית היוצא: פנחס האט באקומען די 'כהונה' מכח זיין עבודה און הארוואניע, און דאס איז געווען די צוגאנג צו 'כהונה' פאר מתן תורה, אז ס'איז געגאנגען לפי די עבודה און הארוואניע פון די צדיקי הדורות. נאכדעם האב מיר גערעדט פון די מעלה פון באקומען 'מדרגות' דורעך די אייגענע בחירה, וואס אזוי זענען די מדרגות בידו ובבחירתו. נאכדעם האב מיר אביסל אויסגעשמועסט די מדרגות פון פנחס, אנגעפאנגען פון 'ששת ימי בראשית' ביי 'קין', נאכדעם נדב ואביהו וכו', און נאדעם די כהונה, ביז ביז דער 'תיקון השלם' וואס פנחס וועט זיין אין די דרגא פון 'אליהו בא לבשר'** (ווען אלע 'גבורות' וועלן ווערן פארראכטן).


## נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות:** zum-pintel+subscribe@googlegroups.com

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**


עיצוב: י.ב. +972-52-763-3424